עשה למען גבורי החיל האסירים על שם קדשך:

# אכזריות! גיבור החיל ווערט באַרבאַריש געפּייניגט אין ציוניסטישן טורמע

## רשעים פארבינדן אים הענט און פיס מיט קייטן פאר לאנגע שעות; זעצן אריין בלוטדאָרשטיגער אראבער אין זיין לעכל אים צו פייניגן

א׳ סליחות אפגעראכטן פארנט פון תפיסה נומער 10 אין די פארטאגס שעה׳ן ווען די תפילות גייען ארויף לשמי מרום דורכ׳ן תפיסה צעל פון די גבורי החיל!

## ארעסט פון גיבור החיל ר׳ אלעזר צדוק קויפמאן הי״ו פארלענגערט ביז׳ן ענדע אורטייל

תפיסה נומער 10. - שוין באלד 60 טעג וואס עס שמאכטן די גבורי החיל, ביזדערווייל טראץ די אלע מחאות, משפטים, זעט מען נאכנישט קיין ישועה, אבער מען גיבט נישט אויף, נאר די אויגן איז געוואנדן צום הייליגן טאטן אין הימל שירחם ויירא בעני עמו, ויקשב וישמע הצגים לעמו.

דאנערשטאג פ׳ תבא איז פארגעקומען אן אפעלאט געריכט אין תל אביב פאר׳ן גיבור חיל ר׳ אלעזר צדוק קויפמאן הי״ו, אבער דער שופט האט ווידעראמאל פארלענגערט זיין ארעסט עד תום ההליכים ה״י.

ליל שישי האבן די תפיסה באאמטע אנגעהויבן פייניגן ר׳ אלעזר צדוק; אים ברוטאל פארבינדן די הענט פון אונטן מיט קייטן, ממש ביז בלוט. ערב שבת אריינגעזעצט א בלוטדארשטיגער אראבער מיט אים אין איין צעל, א.א.וו.

זונטאג, בעת ווען א לויער איז אריין צו אים, האט ער איבערגעגעבן אז די איינציגסטע חיזוק וואס ער האט איז בלויז די פראטעסטן און די ידיעה איבער די גרייטקייט פון כלל ישראל בארץ ובגולה.

דאס זעלבע האט דער לויער געהערט פונעם גיבור החיל ר׳ ארי׳ מרדכי ראבינאוויטש הי״ו.

א באזונדערע התעוררות איז געווען דער גרויסער מעמד אמירת סליחות ווען משפחת קויפמאן, בראשות דעם זיידן הרה״ג ר׳ שרגא סעמיולעס שליט״א, האט אפגעראכטן א שבת התוועדות אין מירון, און מוצש״ק באשמורת הבוקר האט מען אפגעראכטן א גרויסע ווארימע מנין סליחות תחת כיפת השמים. די גבורי החיל האבן זיך טאקע אויפגעוועקט דערפון און שנעל אנגעהויבן מיטזאגן גאנץ סליחות. הגם דער מנין איז געווען אין גאס, אבער דער ״מקום קבול תפלות״ איז, ווי פארשטענדליך, העכער די קליינע צוקוועטשטע תפיסה צעלן, ווי די תפלות זענען ארויף און געשפאלטן אלע הימלען.

אין די נאכפאלגנדע ימי הסליחות קומט ווייטער פאר מניני סליחות פארנט פון תפיסה לחזק את רוחם פון די גבורי החיל.

זונטאג מיטאג איז פארגעקומען א מחאה דורך די חשוב׳ע בני הקהלה יראי השם. מען איז פונקט אנגעקומען ווען עס דארפן זיך טוישן די ״וועכטער שיפט״ און די מחאה האט ב״ה פאראליזירט די תפיסה און אויסגעשריגן ״אסירי ציון אינם הפקר״.

כלל ישראל בכל מקומות מושבותיהם נוצן אויס די ימים המסוגלים צו מעתיר זיין בתפלה ובתחנונים לפני שוכן מרומים אז די גזירות זאלן שוין בטל ווערן עביגו״צ, בב״א.

**אחינו בני ישראל שליסן זיך אן מיט די געוואלדיגע זכותים צום יום הדין:**

מיר אלע לאזן נישט אליין אונזערע העלדישע ברידער, די גיבורי החיל, וואס שמאכטן אין די ציוניסטישע אינקוויזיציע קעלערן פאר׳ן בלויז חטא ווייל זיי ווילן בלייבן ערליכע אידן!

טראכט אריין א מינוט: דער טאטע זיצט אין א נאסן קעלער אונטער דער ערד אין א ד׳ על ד׳, נישט געשוירן די האר זינט שבועות, אנגעטון מיט די זעלבע קליידער, נישט ערלויבט זיך ארומצוואשן דעם קערפער.

די וואך שבת איז הרב אלעזר צדוק געזעסן מיט געבונדענע הענט און פיס מיט א גוי אינעם לעכל אים צו צוברעכן!

די ווייב און קינדער זיצן און ווארטן: ווען קומט טאטי אהיים? ווער וועט אונז ברענגען ברויט אין שטוב? ווער גייט אונז אריינברענגען דעם יו״ט?

לאמיר אלע כאפן זכותים צום יום הדין! לאמיר האבן א חלק אין זייער מסירות נפש וואס איז בוקע רקיעים!

יעדער נעמט א חלק: א דאלאר א טאג! זיי זיצן שוין 56 טעג!

יעדער גיבט א דאלאר פאר יעדן גיבור חיל: פאר הרב אלעזר צדוק קויפמאן שליט״א, פאר הרב ארי׳ מרדכי ראבינאוויטש שליט״א.

רופט יעצט אריין די אויטאמאטישע נדבה ליין: 718-284-7757.


טאנצט אין די וואסער ״השם הוא מלכינו. לקדש שם שמים!״


איבערקערניש וואס האט פאראליזירט די תפיסה - מערקט נעבעך די גע׳שמד׳טע נשמותביים באהאנדלען א מוסר הנפש


מיליטער און פאליציי ביים אוועק שטעלן בריגאדעס אויס מורא פון די סיקריקים וועלכע וועלן זיך איינברעכן אין תפיסה

גייענדיג צום דרוק:

# איבער ״זיבעציג אידן״ ארעסטירט אין ״מדינת ישראל״ אין די לעצטע טעג, השם ירחם

## פראבירנדיג ארויסצופארן פון לאנד אויף די ימים טובים הבעל״ט; כולנו למלחמה ולה׳ הישועה

שוב ידו פרש צר: חשוב׳ער אינגערמאן לומד תורה ״גיבור חיל״ ארעסטירט היינטיגן מיטוואך דורך די ציוניסטישע פאליציי – פייערדיגע מחאה על פני ככר השבת בראשות שרי התורה מנהיגי קהלות הקודש שליט״א געפלאנט אויף היינטיגן דאנערשטאג

משמרת חומתינו

# א ברייטע איבערבליק אויף דער שטורעמישער מצב אין ארה"ק

## מיטוואך תבא

חברים וידידים רעכטן אפּ א 'השלמה שבע ברכות' מיט שירה וריקודין פארנט פון תפיסה נומער 10, צו מחזק זיין דעם פרישן אינגערמאן וואס איז ארעסטירט געווארן סוף פון זיינע ימי השבע ברכות.

*

פאר'ן גיבור החיל הרב אלעזר מנחם מינצבערג הי"ו ווערט אפגעראכטן א פראכטפולע קבלת פנים דורך זיינע חברים, צו ארויסהייבן דאס מסינ"פ פון די "36 ימי ישיבה בתפיסה".

*

די פון פאראויס געמאלדענע מעמדי תפלה פון די אגודה/דגל קרייזן איז למעשה אפגערופן געווארן, צוליב דעם וואס מטעם 'דגל' איז געווען בלויז מילדע לשונות אז די מיליטער איז אסור בלויז צוליב ביטול תורה, און נאך פארשידענע סיבות. מען שטייט און מעןווארט צו זען די שריט וואס זיי האבן צוגעזאגט "להרעיש עולם ומלואו".

*

ווידעראמאל שטעלט זיך ארויס די פאלשקייט פון די פראפעגאנדע פאר'ן גזירת הגיוס, ווען עס קומען ארויס די אמת'ע פאקטן איבער איינער פון די 2 שיסערס ביי די טעראר אטאקע אז ער איז ניטאמאל געווען קיין פרומער בכלל, אבער עס מאכט נישט אויס. דער עיקר אז די מיליטער האט געהאט אומזיסטע פרסום פאר עטליכע טעג אויפ'ן חשבון פון די 6 קדושים הי"ד.

*

אין אמעריקע ווערט געמאלדן איבער א מחאה אדירה אויף יום ד' סליחות אקעגן דעם גזירת הגיוס און די רדיפת הדת אין ארה"ק, בעת דער ראש הממשלה שר"י קומט ארויס אויפ'ן יערליכן באזוך ביי דעם גרויסארטיגן יו. ען. אסעמבלי, וואו אלפי בני יהדות החרדית וועלן ארויסשרייען דעם ווי געשריי פון אונזערע ברידער בארה"ק.

## דאנערשטאג תבא

אין די פארטאג'ס שעה'ן ווערט מען אלארמירט איבער אנגייענדע חפירות אין די שטאט עכו. א ציבור ערליכע אידן פארט תיכף ומיד ארויס אפצוהאלטן די גראבונגען. די בעלי בתים אויפ'ן ארט גייען אריין אין גרויס דרוק: "מיר דארפן נישט קיין יאהוד נומער 2", זאגן זיי, און זעצן זיך תיכף ומיד אוועק מיט אתרא קדישא צו בויען בפיקוח מלא כדת וכהלכה.

*

אין די פארטאג'ס שעה'ן קלאפט די מיליטערישע פאליציי אין די 'גבעת זאב' געגנט צו ארעסטירן 2 בחורים. א ציבור זאמלט זיך אן אויפ'ן ארט. די פאליציי גייט אוועק מיט ליידיגע הענט.

*

אין פתח תקוה קלאפט די פאליציי אויף א טיר. דער געזוכטער בחור איז צום גוטן מזל בכלל נישט אינדערהיים.

*

דער ממ"ח וואס שטייט אונטער דאס אריבערפירן פון חרדי'שע מוסדות וואס באקומען טיילווייזע שטיצע פון די מדינה, און זיי געבן 100% שטיצע בתנאי אז מען נעמט זיך אונטער צו לערנען אלע סארט לימודים ובעיקר צו "נישט לערנען" מיט די יונגע תלמידים די עיקרי האמונה ווי בריאת שמים וארץ, עקידת יצחק, מעשה מר' אמנון, חנה ושבעה בני', וכו'.

אין די טעג צום נייעם לערן יאר גיבן זיי ארויס דעם באריכט איבער פרישע 7,000 קינדער וואס זענען אונטער זייערע פינסטערע נעגל, וואס

# "טאטע! איך האף אז איך וועל קענען האבן א פרייליכן שבת"

## הארצרייסנדע רוף פון דעם חשוב'ן טאטן פונעם גיבור החיל הרה"ג ר' אברהם קויפמאן שליט"א

הרה"ג ר' אברהם אין א מעסעדזש פארלאפענעם מוצש"ק:

א גוט יאר, א גוטע וואך צו די טייערע חשוב'ע קהלה וואס שטעלט זיך ארויס ביי יעדע אידישקייט זאך מיט מסירות נפש.

דא רעדט אברהם קויפמאן. איך האב אייך געוואלט מיטטיילן וואס עס גייט אריבער אויף אונזער טייערן זון, דער גיבור החיל אלעזר צדוק בן ליבא גיטל מרים.

פון איין זייט פריידט מען זיך אויפ'ן גרויסן זכות ווען ער אליינס שטארקט זיך און רופט אויס כבוד שמים בעולם מיט זיין זיצן.

אבער פון דער צווייטער זייט קען מען נישט פארגעסן, אז ער גייט דארט נישט אריבער גרינג.

עס איז נישט ווי די תפיסות וואו איך אליינס בין געזעסן אפאר טעג מיט חברים, א גרעסערן עולם, און אעפ"כ האט מען פארפירט אז מען זאל אונז ארויסנעמען פון דארטן.

ער זיצט אליינס, און יעדן טאג רופט ער אויס כבוד שמים ווייל ער וויל זיך נישט אנטאן די מיליטערישע קליידער, און נישט נאר וועגן די קליידער אליינס, נאר דער עיקר וועגן די פריצות פון די אנדערע אפטיילונגען.

ווען ער האט מער ווי 2 ספרים אויף איין מאל, כאפט מען אים עס צו, און נאך שוועריקייטן וואס איך קען אפילו נישט מאריך זיין.

יעצט איז אים שווערער געווארן ווען ערב שבת האט מען אים נישט געלאזט קלינגען דעם אדוואקאט ביזן זמן פון ליכט צינדן, און דעמאלטס האט ער דערציילט אז ליל שישי האט מען אים געבינדן די הענט מיט קייטן.

זיי האבן אים צוגעבונדן אזוי שטייף אז עס זאל אים שטארק וויי טאן. נאך 3 שעה האט ער זיך געשטעלט דאווענען שמו"ע פון מעריב (דא צעוויינט זיך דער העלדישער טאטע ר' אברהם). זענען זיי אים צוגעקומען שטערן, און זיי פרעגן אים: "נו, יעצט ביסטו שוין גרייט צו פאלגן?" און ער האט זיך פארשטייט זיך נישט וויסנדיג געמאכט, און ווייטער געדאווענט שמונה עשרה.

ערב שבת, כדי אים צו אנידערשלאגן זיין מצב רוח, האבן זיי אריינגעלייגט אן אראבער אין זיין צימער.

ער שטארקט זיך, אבער ער פירט אויס: "טאטע, איך האף אז איך וועל קענען האבן א פרייליכן שבת".

רבותי! ער שרייט צו אונז: "ראטעוועט מיר, נעמט מיר ארויס פון דא. טוט פאר מיר וואס איר קענט, איך זאל דא נישט פארבלייבן." ער וויל אויך קומען דאווענען מיט אונז צוזאמען, און לערנען מיט אונז צוזאמען.

דעריבער, ווען מען פארט מארגן ארויס, זאלן אלע זיך משתדל זיין און קומען. נשים צדקניות זאלן מתפלל זיין פאר'ן הצלחת המערכה, און ביטול מלכות הרשע, און עס זאל שוין זיין "ותמלוך אתה ד' לבדיך".

א גוטע וואך, כל טוב.



די מוסרי הנפש כאפן אריין אין די ימי הרחמים והרצון צו אויסניצן יעדע רגע. מצוה גוררת מצוה.

משמרת חומותינו

דאס רעכנט אריין בנוסף צו בעלזא קומט צו קארלין סטאלין - באיאן - ויזניץ מרכז, צאנז און די 7,000 תלמידים איז א 40% העכערונג, ס"ה איז שוין ליידער דא 20,000 קינדער פון 103 מוסדות.

צום באמערקן אז אין דער שטאט מודיעין עילית איז נאך קיין איין מוסד נישט אונטערן ממ"ח, הגם מען נעמט ליידער געלט, אבער דער ממ"ח איז א טיר מער אריין ה"י. אין אנדערע נייעס האט א פריוואטע מוסד לבנות אין ירושלים 'בנות הדעה' אן די וויסן און רשות פון די הורי המוסד זיך אריבערגערוקט צום ממ"ח, רח"ל.

אידן בכל קצוי תבל שרייען אויס בקול גדול "אל תגעו במשיחי" אלו תשב"ר, און פארמערן שטיצע צו חינוך על טהרת הקודש, ובפרט אין דעם קומענדיגן חודש תשרי צו האבן א חלק אין תורת ארץ ישראל בקדושה ובטהרה!

## מוצש"ק תבא / זונטאג נצבים

הילכיגע מחאות מיט פייפערייען קומען פאר פארנט פון תפיסה נומ. 10 צו מחזק זיין די אסירים,

אריינגערעכנט א גרויסע מעמד סליחות באשמורת הבוקר וואס די אסירים ובראשם די 2 גבורי החיל האבן מיטגעהאלטן פון זייערע צימערן, און מיטגעזאגט די ווערטער פון סליחות "מי שענה ליוסף בבית האסורים הוא יעננו".

*

דאס מיליטער איז מפרסם די ענדגילטיגע נומערן פון די "גרויסע ימי המחילה" אז עס זענען געקומען גאנצע 'הונדערט צען' (110) סאלדאטן, און לויט זייערע נומערן זענען גאר גאנצע 50 חרדי'שע זעלנער ה"י.

ווי אלעמאל איז כלפי דעם מיליטער דער נומער גאנץ ווייניג, אבער כלפי שמיא איז א יעדע נשמה עקסטער חשוב, און עס איז א שוד ושבר אז פופציג אידישע נשמות, מיט זייער דורות, זענען ליידער אריינגעפאלן אינעם תהום פונעם צבא השמד. לבי לבי על חלליהם.

*

אין די שטאט בני ברק האט דער 'משרד הבטחון', וואס איז געשטעלט אויפ'ן מיליטער, ענדגילטיג געשלאסן א מקח צו ארויסדינגען א גרויסע 9-שטאקיגע בנין צו איינקווארטירן דארט זייערע אפיסעס.

די חרדי'שע שטאט-ראט פון בני ברק האט דאס אויפגענומען מיט גרויס פרייד, און ווי איינער פון די חרדי'שע איינגעשטעלטע האט דאס גאר באצייכנט אלס א 'יום חג'.

די וואונדער איז אז דער 'עיר התורה' בני ברק זאל האבן אזוי סאך ביטול תורה אז מען דארף גאר דערפאר א 9-שטאקיגע בנין!?

## מאנטאג נצבים

א היימישע אידישע טאכטער, וואס האט אומוויסנדיג געהאט פראבלעמען מיט אירע גיוס פאפירן, ווערט פארהאלטן אין לופטפעלד און ווערט ארעסטירט ווי א געמיינע פארברעכער ה"י.

*

מאסיווע ארעסטן קומען פאר אין לופטפעלד, טראץ די גרויסע ווארענונג נישט צו פארן אויב מען האט סיי וועלכע צו מאסר אדער צו גיוס. די נומערן קומען אן צווישן 20-25 ארעסטירטע, און די מיליטער פלאנט זיי אלע צו האלטן ארעסטירט ביז נאך ראש השנה היל"ת.

*

אין די שטאט נתיבות קומט אן א מחנה גדולה פון 15 פאליציי מיט פילע אויטאס באישון לילה צו ארעסטירן א בחור'ל וואס האט ערהאלטן זיין 'צו גיוס' קוים א חודש צוריק. נאכ'ן בודק חמץ זיין דאס הויז און אים נישט געפינען, האבן זיי זיך א לאז געטאן צום שטוב פון זיין 80 יעריגע זיידע לאוישט"א און דארטן אפגעראכטן א מאסיווע אבלאווע. ענדליך זענען זיי אוועק מיט ליידיגע הענט.

*

קופת 'מלבוש ישע' האט געגעבן א געשאנק פון $1,000 פאר משפחת קויפמאן און משפחת ראבינאוויטש וואס האבן די זכי' אז זייערע חשוב'ע מענער זיצן אין תפיסה אלס די ראשי המערכה למען הצלת די 100,000 בחורי ואברכי ישראל ברחבי ארץ הקודש.

## דינסטאג נצבים

די בת ישראל וואס איז ארעסטירט געווארן אין לופטפעלד ווערט באפרייט נאכ'ן זיצן אין תפיסה עטליכע טעג, ווען מען ווייזט אויף אז עס איז געווען בלויז טעכנישע טעותים אין די פאפירן.

*

עס ווערן פלאנירט גרויסע פלענער פאר גרעסערע מחאות אויף ככר השבת צו מוחה זיין אויף די ארעסטן פון די גבורי חיל און די אנדערע אסירי ציון.

*

"קח סניגור". דער 'ועד אסירי ציון', וואס איז היינט צוטאגס דער רוקן-ביין און שטייט צו הילף פאר יעדער מערכה און אלע מוסרי נפש אין ארצינו הק', פירט דורך א מגבית לקראת די ימי הרחמים והסליחות אין די חרדי'שע שטעט בארה"ק. מתנדבים בעם נעמען אונטער צילן צו שאפן צענדליגע שותפים, צו תורם זיין אן איינמאליגע סכום פון 250 שקל, אין חוץ לארץ - $120.

דער נאמען "קח סניגור" זאגט קלאר די מטרה פונעם מגבית, צו העלפן די אסירי ציון מיט "אדוואקאטן". פאר בלויז $120 קויפט מען אן אמת'ער אדוואקאט, א סניגור, א מלאך טוב וואס זאל מליץ יושר זיין ביים יום הדין פאר'ן נדבן ולכל בני ביתו, לאלתר לחיים ולשפע רב וכל טוב ושנת גאולה וישועה.

אידן וואס דארפן דעם סניגור קענען רופן אויף דעם אויטאמאטישן סיסטעם: 845-237-5344, אדער קען מען איבערגעבן די נדבות פאר הרה"ג ר' משה עמרם הערמאן שליט"א.

## תלמידות פון בית אלטא פיגא - בני יואל ד'סאטמאר שיקן חיזוק בריוו פאר די נשים צדקניות פון די גבורי החיל לקראת ראש השנה


BAIS ALTA FAIGA
BNAI YOEL D'SATMAR
בית אלטא פיגא
בני יואל ד'סאטמאר

בס"ד

לכבוד די חשובע עלטערן שיחיו,

אויף די בקשה פון חשוב'ע עסקנים שיחיו, האבן מיר בעזהי"ת מסדר געווען מיט די תלמידות אז יעדער זאל שרייבן א חיזוק בריוו פאר די נשים צדקניות די ב"ב פון די צוויי חשוב'ע גיבורי חיל שליט"א וואס ווערן געפייניגט אין די ציוניסטישע טורמע דורך די ציונים הרשעה

ביטע אויב מעגליך מיטשיקן מיט אייער טאכטער $10 מען זאל קענען צוזאם שטעלן א שיינעם סכום לכבוד יום טוב צו די חשוב'ע משפחות זיי מחזק צו זיין און ארויסווייזן אונזער שטיצע און מיטגעפיל, פאר זיי.

השי"ת זאל אונז אלע העלפן מיר זאלן ניצול ווערן מכל גזירות קשות ורעות, וכל הרשעה כלה כעשן תכלה כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ, בביאת משיח צדקנו בב"א.

א כתיבה וחתימה טובה
א גוט געבענטש יאר


האלט מיט לעבעדיג די פייערדיגע פראטן פון אונזערע ברודער בארה"ק

קול זעקה
605.313.6884

קול האמונה
605-313-6878

מערכת סאטמאר
605-615-7000 1-6


יהדות אמעריקע שלאפט נישט!

## ותשובה ותפלה וצדקה! במחשבה בדיבור ובמעשה!

### בחורים, אברכים און בע"ב זענען עוסק אין די טעג צו מחזק זיין די גבורי החיל ובני משפחתם!

שטייענדיג אין די ימי הרחמים והסליחות, ובפרט אז עס זענען ימי בין הזמנים, און מען זוכט זכותים צום יום הדין, דערקענט זיך א מאסיווער פייער פון השתתפות אין דער מערכה למען די אסירי ציון.

מען לאזט זיך קאסטן גרעסערע געלטער לטובת די 2 חשוב'ע משפחות פון די 2 גבורי החיל וואס שמאכטן שוין באלד '60 טעג' אין תפיסה, און זיי ווערן מחוזק זעענדיג ווי דאס יהדות החרדית בחוץ לארץ פארגעסט נישט פון זיי, און געדענקט זיי, און איז מקיים דעם "אית מאן דפרע בממוניה".

לשאלת הרבים וואו מען קען זיך משתתף זיין בגוף ובממון, זענען מיר מפרסם די וויכטיגע נומערן. ביטע עס מפרסם זיין אין די בתי מדרשים, ישיבות בין הזמנים, א.א.וו.

צו מנדב זיין פאר די משפחות פון די גבורי החיל רופט: 718-284-7757

צו לאזן חיזוק מעסעדזשעס פאר די גבורי החיל רופט: 518-794-2613

צו שיקן א פעקס מיט דברי חיזוק רופט: 347-408-0501

משמרת חומותינו

# געשאפט א 'פטור' פאר א כלה פון סאטמאר סקול

א חרד'ישע מיידל פון א פרומע מוסד האט צוליב סיבות אנגעהויבן לערנען אינדערהיים. נאכן אריינגעבן איר תצהיר דת פאר דעם מיליטער, האבן זיי איר אנגעהויבן צו רודפ'ן אז זי דארף קומען פאר א ראיון דת, צוליב דעם וואס זי לערנט נישט אין קיין מוסד קען מען איר נישט גלייבן אז זי איז פרום.

זי איז געווארן גאר ערנסט פארפלאנטערט, נישט האבנדיג קיין וועג ארויס. נאך אסאך אנגעצויגנקייט איז זי אנגעקומען צו בנות מלך. די ערשטע זאך האט מען איר געגעבן די שטארקייט און חיזוק נישט צו גיין ח"ו צום לשכת הגיוס פאר א ראיון דת. בנות מלך האט זיך געשלאגן פאר איר, פרובירנדיג אויפצואווייזן אז זי איז פרום און זי האט געלערנט אין א פרומע מוסד. די רשעים האבן זיך אבער פארלייגט און זיך נישט געוואלט לאזן, און נישט האבנדיג קיין ברירה האט מען געמוזט אריינמישן א לויער. ב"ה, נאך אסאך מיה און פלאג האט די מיידל באקומען א פטור.

א מיידל, א כלה פון סאטמאר סקול, איז געפארן קיין א"י מיט איר מאמע באזוכן זיידע און באבע. אזויווי איר מאמע איז אן א"י'דיגע בירגער, האט מען זיי אפגעשטעלט אין לופטפעלד און נישט געלאזט צוריק אהיימפארן קיין אמעריקע, טענה'נדיג אז די מיידל האט נישט קיין פטור.

און אזוי שטייענדיג אינגאנצן פארלוירן אינמיטן דער נאכט, איז אדורכגעגאנגען א יונגערמאן. נאכן פרעגן אויב ער קען זיי העלפן, האט ער זיי אויפגעזוכט דעם עמערדזשענסי נומער פון בנות מלך. 2:30 אינמיטן נאכט איז מרת ד' אויפגעשטאנען, גערופן דעם לויער, אלעס מסדר געווען, און די מיידל איז צוריק אהיים בשלום ב"ה.

א פרומע תמימות'דיגע מיידל איז געגאנגען פרעגן פון די מיליטער אליינס וויאזוי זי קען באקומען איר פטור. די מיליטער, זעענדיג אז זיי קענען דא אריינכאפן א גוט פישל, האבן זיי איר געזאגט אז ערשט דארף זי מאכן א צו ראשון. נישט וויסנדיג אז דאס איז א פראבלעם, האט זי בתמימות געפאלגט רח"ל. נאכן מאכן א צו ראשון (וואס איז ביהרג ואל יעבור) האבן זיי איר געהייסן מאכן א תצהיר דת און עס דערנאך ברענגען צום לשכת הגיוס. צוריקקומענדיג מיט איר תצהיר דת, פארן אריינגיין האט זי מיט ס"ד אנגעטראפן א מתנדבת פון בנות מלך, איינע פון די 30 פרויען מתנדבות וואס שטייען כסדרביים לשכת הגיוס, וועלכע האט איר אפגעהאלטן פון אריינגיין אינעם טריפה'נעם בנין און איר מסביר געווען וויאזוי עס צו שיקן אויף די פאסט. אבער צום באדויערן האבן די רשעים גע'טענה'ט אז ס'איז צו שפעט.

דאס איז בלויז אביישפיל וויאזוי זיי פרובירן צו פארדרייען דעם קאפ פון די תמימות'דיגע צובראכענע מיידלעך כדי זיי אריינצווווארפן אין מיליטער ה"י. די סעקרעטארין פון בנות מלך האט פרובירט צו רעדן צום מיליטער, זאגנדיג אז זי גייט נאך אין 12'טע קלאס. האט די מיליטער געטענה'ט אז זי מוז כאטש קומען פאר א ראיון דת רח"ל צו אויפווייזן אז זי איז פרום. די מוסרי נפש האבן זיך געשלאגן מיט די כוחות הטומאה פאר א לאנגע צייט מיט שטרענגע בריוון און טעלעפאן קאלס אהין און צוריק.

ווען צום סוף האט די צד הקדושה געזיגט און די מיליטער האט זיך געבראכן און געגעבן א פטור צוויי וואכן פארן זיך דארפן צו מאביליזירן ח"ו.

## אסיר ציון גיבור החיל הרב דוד מנחם מינצבערג שליט"א ביים ווערן אנטפאנגען בביתם פון מרנן ורבנן שרי התורה מנהיגי קהילות הקודש שליט"א בכבוד והערצה

**ערהאלט ברכת הקודש פארן מקדש זיין שמו יתברך און פארן שטיין פעסט אינעם קאמף קעגן גזירות הגיוס למען יהדותינו**

**ווערט באגלייט דורך די הערצאישע שליחי כלל ישראל פון 'ועד אסירי ציון' הרב שמואל ווייספיש שליט"א און הרב אשר פריימאן שליט"א**



כ"ק פאר הדור הגה"צ רבי יעקב מאיר שכטער שליט'א ביים בענטשן דעם אסיר ציון און זיינע קינדער אין באגלייטונג פון הרב אשר פרייפאן



כ"ק אדמו"ר ממשכנות הרועים שליט"א ביים מחזק זיין און אנווינטשן א כתיבה וחתימה טובה און ברכות לרוב פארן גיבור החיל



במעונו פון כ"ק מרן אדמו"ר מקהל חסידים שליט"א מערקט הרב שמואל ווייספיש יו"ר ועד אסירי ציון



כ"ק אדמו"ר מתולדות אברהם יצחק שליט"א ביים אנווינטשן און מחזק זיין דעם גיבור החיל און זיין קליין קינד

## שטורמישע הפגנות פארנט פון תפיסה נומער 10 קעגן דעם ארעסט פון א חתן אין לעצטן טאג פון שבע ברכות

**עס האבן זיך באטייליגט קהילות, גור, חוג חתם סופר, טשערנאבל, בויאן, סערט וויזניץ, טעמשוואר. בנו בכורו פון האדמו"ר מגור האט פארגעזאגט פסוקי תהילים**





## משמרת חומתינו